THE ISRAELITE PRESS
The only Jewish Newspaper in Western Canada.
Office and Place of Business: Israelite Press Bldg., 165 Selkirk Ave., E.
Published daily except Saturday and Sunday.
ENTERED AS SECOND-CLASS MAIL MATTER AT OTTAWA.
Subscription: $6.00 per year.
Established 1910 Phones: 55 409—52 213
WINNIPEG — MANITOBA

א פארשפעטיקטע דערקלערונג

א דערקלערונג וואס דער נאציאנאלער ראט פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט איצט ארויסגעגעבן, אפזאגנדיק זיך פון רבי י. ל. זלאטניקס "נייער ווענדונג" אינם ציוניזם, וואלט געווען מער אין פלאץ מיט א חודש צוריק, באלד ווי דער דירעקטאר פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז ארויסגעטראטן מיט זיינע עפנטלאכע רעדעס און ארטיקלען אין דער פרעסע.

און אפשר האט די דערקלערונג געדארפט קומען נאך פריער. — נאך דאן, ווען רבי זלאטניק איז אין באזעל צוגעשטאנען צו די רעוויזיאניסטן און האט געשטימט צוזאמען מיט זיי; — סיידן דער נאציאנאלער ראט האט איינגעשטימט מיט דער דאזיקער האנדלונג. יעדנפאלס האט ער מיט זיין פארשווייגן דעם ענין נאך דאן פאקטיש אונטערגעשריבן זיך אונטער רבי זלאטניקס האנדלונג: ער איז דאך דארטן געווען דער אפיציעלער פארטרעטער פון דעם קאנאדער ציון ראט.

אוודאי האט רבי זלאטניק גרויסע פארדינסטן פאר דער ציוניסטישער באוועגונג בכלל און פאר דער קאנאדער ציונ. ארגאניזאציע בפרט, און ער האט זיכער ניט ווייניקער רעכט ווי דער דורכשניטלאכער מיטגליד פון דער ארגאניזאציע צו האבן זיינע מיינונגען און אויסצודריקן זיי אין דער עפנטלאכקייט. ער איז אבער אויך דער דירעקטאר און דער טאן־געבער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע דא אין לאנד, און עס איז דערפאר ניט אזוי לייכט אנצונעמען בנוגע אים די דערקלערונג פונם נאציאנאלן ראט, אז די מיינונגען וואס ער האט ארויסגעזאגט זיינען פריוואטע מיינונגען, וואס האבן ניט קיין שייכות צו דער אפיציעלער שטעלונג פון דער צענטראלער קערפערשאפט, וועמעס ארבעט ער דירעקטירט.

מיר שטעלן זיך דא ניט אפ אויף דעם עצם ענין, אויף רבי זלאטניקס "נייער ווענדונג". וועגן דעם, האפן מיר נאך, וועט ברייטער דיסקוטירט ווערן אויף די שפאלטן פון דער ציטונג. אבער צי רבי זלאטניקס ארויסטריט איז געווען בארעכטיקט, צי ניט, און צי זיין שטאנדפונקט איז גוט צי שלעכט, — אבער די דערקלערונג פונם נאציאנאלן קאונסיל איז געקומען צו שפעט און זי איז סותר זיך אליין, און זי וועט דערפאר, האבן מיר מורא, ניט דערגרייכן איר ציל.

באלד ווי דער נאציאנאלער ראט האט געפונען פאר נויטיק אפצומרייסלען זיך פון רבי זלאטניקס ארויסטריט און אפעלירן צום ציוניסטישן עולם ניט אריינצולאזן זיך אין דעם איצטיקן קריטישן מאמענט אין דיסקוסיעס איבער "זאכן וואס האבן ניט קיין שייכות צום ענין", — געפינט ער מסתמא, אז רבי זלאטניקס ארויסטריט קאן פאראורזאכן שאדן צו דער ציוניסטישער באוועגונג דא אין לאנד.

האט מען דאס דאך אבער געקאנט איינזען גלייך פון רבי זלאטניקס ערשטן ארטיקל פון דער סעריע, און פון די באלד נאכפאלגנדיקע, וועלכע זיינען אגב געווען א סך שארפער ווי די לעצטע? צו וואס איז עס געווען צו האלטן א לייגערע צייט דעם עולם אונטערן איינדרוק, אז דער דירעקטאר דריקט אוים די אפיציעלע מיינונג פון דער לייטונג? און איז דאך רבי זלאטניק נאך אלץ דער דירעקטאר פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און איז באפולמעכטיקט פונם נאציאנאלן ראט דורכצופירן א באשטימטע פאליטיק, וועלכע ער קאן דאך ניט דורכפירן, אויב ער שטימט מיט איר ניט איין?

נאך ווייניקער איבערצייגנדיק איז די באהויפטונג פונם נאציאנאלן ראט, אז ציוניסטישע פאליטיק פארבלייבט ניט געענדערט. ווען דאס זאל זיין אזוי, איז עס זייער שווער צו דערקלערן, ווי אזוי ער האט פארשוויגן און דערמיט גוטגעהייסן די האנדלונג פון זיין אפיציעלן פארטרעטער, רבי זלאטניק, ביים קאנגרעס...

איז דאך רבי זלאטניק אמווייניקסטנס פאר דער צייט פונם קאנגרעס געווען אפיציעל אדער האלב אפיציעל א מיטגליד פון דער רעוויזיאניסטישער פראקציע, און יעדנפאלס האט ער מיט איר געשטימט אין אלע וויכטיקערע פראגן.

און אויב "די פאליטיק פונם נאציאנאלן קאונסיל קאן ניט געענדערט ווערן סיידן מיט דער צושטימונג פון א קאנווענשאן", — איז דאך די פראגע, ווען האט א קאנאדער ציוניסטישע קאנווענשאן אנגענומען א רעוויזיאניסטישע פראגראם?

אדער איז עס טאקע בכלל ניטא קיין אונטערשייד צווישן דעם קאנאדער ציוניסטישן פראגראם און דעם רעוויזיאניסטישן?..

ניין, די דערקלערונג פון דעם נאציאנאלן ראט, וועלכע האט געזאלט קאנטיק בארואיקן די ציוניסטישע געמיטער, האבן מיר מורא, האט איר ציל ניט דערגרייכט. דער איינדרוק איז, אז אין די רייען פונם קאונסיל גופא הערשט א טיפער חלוקי־הדעות איבער דער פראגע, און דערפאר קומט עס ארוים אזא פלאנטער.

עס וועט איצט נויטיק זיין א סך מער אויפקלערונג וועגן דעם ענין!

פרעמיער ברעקענס "נאציאנאלע רעגירונג" פלאן

פרעמיער ברעקען פון מאניטאבא האט קאנטיק געוואלט נאכטאן דעם ביישפיל פון ענגלאנד, און אין פנים פון דער הערשנדיקער דרינגנדיקער לאגע גרינדן דא א מין "נאציאנאלע רעגירונג" אויף א פראווינציעלן מאסשטאב, אין וועלכער אלע פארטייען זאלן זיך באטייליקן.

מר. ברעקענס פלאן איז זיכער גוט געמיינט. עס איז דאך קלאר פאר אלעמען, אז די לאגע איז איצט א שווערע, און אין אזא צייט איז עס א סך גלייכער, ווען פארטיי צאנקערייען און יאגענישן נאך פארטייאישע געווינסן זאלן פארגעסן ווערן, און אלע כחות פון פאלק זאלן זיך פאראייניקן אינם קאמף מיט דער שווערער לאגע.

אבער דאך, ווייזט זיך ארוים, אז מר. ברעקענס פלאן איז פארמשפט געווארן צו א דורכפאל. נאך איידער ער איז אפיציעל אנאנסירט געווארן. פון די ענטפערס וואס די פירער פון די קאנסערוואטיוון און פון דער ארבעטער פארטיי האבן געגעבן, איז עס גאנץ קלאר, אז עס איז ניט מעגלאך אז זיי זאלן צושטימען צו אזא פלאן.

און דאס איז זיכער ניט דערפאר, ווייל די דאזיקע פארטיי פירער זיינען ווייניקער פאטריאטיש ווי מר. באלדווין און סער הערבערט סעמועל אין ענגלאנד זיינען געווען, ווען זיי האבן פארבויגן זייערע פארטיי פרינציפן און איינגעשטימט מיטצוארבעטן אינאיינעם אונטער ראמזי מאקדאנאלד. דאס מיינט בלויז, אז די לאגע אין מאניטאבא איז ניט אזוי קריטיש ווי אין ענגלאנד, אז מען זאל צוליב איר מוזן פארבויגן פארטיי פרינציפן.

אבער אויך אין ענגלאנד איז דער פלאן ניט געווען מער ווי א האלבער דערפאלג. — די ארבעטער פארטיי איז דאך אין דער נאציאנאלער רעגירונג ניט אריין און באקעמפט זי איצט אין די וואלן. און א טיילווייזער דערפאלג, איז עס ניט אויסגעשלאסן, אז דער פלאן זאל זיין אויך דא, אין מאניטאבא: די ליבעראלן, וועמעס פרינציפן שיידן זיך ניט אזוי טיף אונטער פון דער רעגירונג פארטייס, קאן זייער זיין, זאלן יא פארמירן א קאאליציע מיט דער רעגירונג.

נאטירלאך, וועט דאס מיינען, אז די וואלן וועלכע פרעמיער ברעקען האט געוואלט אויסמיידן וועלן מוזן דורכגעפירט ווערן. אבער אויך אין ענגלאנד איז עס דאך ניט געלונגען אויסצומיידן די וואלן.

ציוניזם אויף דער שוועל פון א נייער תקופה

פון הרב יהודא ליב זלאטניק

זיבעטער ארטיקל

איך האב שוין געזאגט אין איינעם פון מיינע פאריקע ארטיקלען דאס איך לערן ניט אין דער איצטיקער סעריע קיין נייע תורה, און קאן ליידער ניט פאדערן פאר זיך די קרוין פון אן אנטדעקער פון נייע וועלטן.

צוריקקומענדיק פון קאנגרעס האב איך באמערקט דאס די ציטונגס־באריכטן וועלכע זיינען מער קאנצענטרירט ארום דעם וואס איז סענסאציאנעל און אויבערפלעכלאך ביי א קאנגרעס — האבן געלאזן דעם עולם אומוויסנד בנוגע די וויכטיקסטע פונקטן וואס זיינען ארויסגעוואקסן ביי די מער ערנסטע ארבעטן פונם קאנגרעס.

איך האב דאריבער "אנגעגארט מיינע לענדן" צו געבן א באריכט וועגן דער נייער קאנגרעס־אריענטאציע (הגם ניט זיי אין תוך דאך ניי אין באטאנונג) וועלכע איז אנגעברייט צו ווענדן די ציוניסטישע ענערגיע אין דער נאענטער צוקונפט אין נייע קאנאלן און אין א נייער ריכטונג.

צו מיין איבערראשונג האב איך דערזען דאס פיל ווילן אין דעם זען אן אנטי־ארבעטער טענדענץ, און אן אנטי־חלוצים אפענסיווע, און אנדערע גלויבען דאס אויב מען הויבט אן ענערגיש צו ציען די אויפמערקזאמקייט פון דעם פאלק אויף דער אבסאלוטער נויטווענדיקייט פונם פריוואטן קאפיטאל דאן מיינט עס ניט אנדערש נאר דאס מען איז מודה אז דער נאציאנאלער קאפיטאל איז ניט אליין גענוג צו בויען ארץ ישראל. און דאס, האבן זיי מורא וועט גורם זיין דאס דער עולם זאל זיך באציען גלייכגילטיק צו די נאציאנאלע פאנדן און זייער שיקזאל.

דאס ווייזט, דאס אין די אלע יארן וואס מ'האט געלערנט מיט דעם עולם ציוניזם האט מען אים נאך ניט [illegible] אויסגעלערנט. ווייל אונזער פראפאגאנדע איז געווען אן אויבערפלעכלאכע און האט די ערנסטע פאקטן געהאלטן ווי סתרי־תורה וואס מ'טאר זיי ניט סגלה זיין צו זייטיקע מענשן.

איך וויל דא דאריבער ברענגען צו דער אויפמערקזאמקייט פון מיינע לעזער איינעם פון די זייער ערנסטע און זייער באלערנדע רעפעראטן וואס זיינען געלעזן געווארן אויף דעם קאנגרעס און זיינען אבער געבליבן פרעמד ווי די וואס וויל אלץ לערנען נאר פון די נייעס קעפלאך.

דער רעפעראט איז געלעזן געווארן ניט פון אנדערן ווי פון דר. חיים ארלאזאראוו, ארבעטער פארשטייער אין דער נייער עקזעקוטיווע.

לעזנדיק גאנץ שנעל האט עס אים גענומען א גוטע צוויי שעה. און אזוי ווי דער עולם האט קיין געדולד ניט געהאט צו זיצן צוויי שעה אונטער א האגל פון הארטע ציפערן און שווערן אמת'ן דייטש (ניט קיין קאנגרעס דייטש) איז דאן דער קאנגרעס זאל געבליבן ליידיק און לער, עס איז אבער כדי אויפצומישן נומער 3 און 4 פון דער אפיציעלער "קאנגרעס ציטונג" און דורכשטודירן די שווערע דייטשע עברי פון דר. ארלאזאראוו. קורץ ווי מעגלאך וויל איך איבערגעבן זיין אינהאלט.

שוין אין 1923 ביים 13טן קאנגרעס האט דר. רופין אנגעוויזן דאס נאר דורך א יערלאכע איינוואנדערונג פון 30 טויזנט מענשן קאנען מיר א אידישע נאציאנאלע היים דערגרייכן. אין פארלויף פון די ערשטע צען יאר פון אונזער ארבעט האבן מיר אזא צאל דערגרייכט נאר אין איינציק יאר (אין 1925) דער דורכשניט אבער איז געווען נאר 9000 פער יאר.

דר. ארלאזאראוו פירט א חשבון און באווייזט דאס אויך מיט א יערלאכער אימיגראציע פון 20 טויזנט קענען מיר אונזער ציל דערגרייכן. (ער ווייסט אלזא קלאר וואס אונזער "ענד־ציל" איז, און ער זוכט די וועגן עס צו דערגרייכן הגם ער מיידט אוים דעם "שם־המפורש").

ער זוכט דאן צו אויסגעפינען וואס איז די גענויע געלט סומע, וועלכע איז נויטיק אום אזא איינוואנדערונג מעגלאך צו מאכן.

זיין אפשאצונג וועגן דעם ברויט פון דעם פריוואטן קאפיטאל וואס איז ביז איצט אינוועסטירט געווארן אין ארץ ישראל איז קלענער ווי די וועלכע איך האב דער אויטאריטעט פון אנדערע עקספערטן — אבער אויף דעם איז דא ניט קיין ארט זיך אפצושטעלן.

לויט זיין חשבון קומט אוים דאס אום מעגלאך צו מאכן א יערלאכע איינוואנדערונג פון 20 טויזנט מענשן איז נויטיק לכל הפחות א יערלאכער אינוועסטמענט פון 3,200,000 פונט (אן ערך 16 מיליאן דאלאר)

אויף דער פראגע ווי אזוי באקומט מען דאס געלט וועלכעס איז נויטיק אום מעגלאך צו מאכן אזא איינוואנדערונג, פאקטיש געגעבן נאר איין אנטווארט — די נאציאנאלע פאנדן. קרן היסוד און קרן קימת וועלכע זאמלען דורכשניטלאך נאר פון דריי ביז פערטהאלבן מיליאן דאלאר א יאר.

דר. ארלאזאראוו האט אויך מורא מ'זאל אים ניט חושד זיין דאס ער פארשטייט ניט די וויכטיקייט פון די דאזיקע פאנדן. ער ווייזט אן דאס אויב מען רעכנט אראפ דאס רוסישע אידנטום דאן קומט אוים דאס יעדע אידישע פאמיליע אין דער וועלט ביישטייערט יערלאך צוויי שילינג. (7 פארן קרן היסוד און 3 פארן נאציאנאל פאנד).

דער קרן היסוד האט רעגלמעסיקע 200 טויזנט ביישטייערער, וואס עס הייסט צען פראצענט פון אלע אידישע פאמיליעס אויסער רוסלאנד.

די נאציאנאלע פאנדן האבן אלעס מעגלאכעס געטאן און פיל דערגרייכט, אבער מען וועט זיי א טעות זיין צו באטראכטן אלס די איינציקע אדער אפילו צענטראלע אינסטרומענטן אונזערע אין דער אנשטרענגונג אונזער ציל צו דערגרייכן.

ער ווייזט אן דאס די קרן היסוד קרייזן האבן אליין באמיט זיך צו שאפן נאך אינסטרומענטן ווי אזוי צו מאביליזירן נויטיקן קאפיטאל. ער דערמאנט דעם ענגלישן "עקאנאמיק באָרד פאר פאלעסטיין", דר. רופין איז ספעציעל געפארן נאך אמעריקא אום אן אינוועסטמענט טראסט צו גרינדן. און דאך זיינען מיר ביז איצט געבליבן נאר ביי פאנדן וואס באשטייען פון פריוואטליכע נדבות.

ער באהויפטעט דאס נדבות זאמלען איז די ליניע פון לייכטסטן ווידערשטאנד ביי אידן און איבער דעם איז די ארגאניזאציע אויף דער דאזיקער ליניע געגאנגען, ניט קוקנדיק דארויף וואס מיר האבן באדארפט בעסער פארשטיין און מיר האבן פאר אונזער ניט אנטשלאסנקייט טייער באצאלט.

דר. ארלאזאראוו ווייזט דאן אן אויף זייער אן אינטערעסאנטן פאקט.

ביים 13טן קאנגרעס אין 1923 איז די פינאנץ־פאליטישע ריכט־ליניע פון דער ארגאניזאציע באצייכנט געווארן אין פאלגנדע פאראגראפן:

א) אין א פינאנץ־סיסטעם פאר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל זיינען די ביישטייערונגס־פאנדן אומענטבערלאך פאר דער אבזעבארער צייט. דער קרן היסוד און דער אידישער נאציאנאל פאנד מוזן דאריבער ניט נאר אנגעהאלטען ווערן נאר מיט אלע כחות פארשטארקט און אויסגעברייטערט ווערן.

2) פון דער אנדערער זייט ווידער מוז עס אויסדריקלאך באטאנט ווערן, דאס די ביישטייערונגס־מעטאדע קאן נאך איר עקאנאמישער נאטור נאך, ניט זיין די צענטראלע פינאנצירונגס־מעטאדע פון דער קאלאניזאציאנס־ארבעט. און דאריבער מוז מיט דער פארטשרייטענדער אנטוויקלונג פון דער קאלאניזאציע, אונזער פינאנץ־סיסטעם אלץ מער און מער אומאפהענגיק געמאכט ווערן פון די געלט־מיטלען וואס קומען פון ביישטייערונגס־פאנדן.

קלארע ווערטער.

אבער אין יאר 1929 ווען מען האט געגרינדעט די אויסגעברייטערטע אידישע־אגענטור און איר קאנסטיטוציע פארפאסט, האט מען געשריבן אין פאראגראף 9:

"ווי לאנג עס ווערט פון קאונסיל ניט אנדערש באשטימט, בלייבט דער קרן היסוד דאס הויפט־פינאנץ־אינסטרומענט פון דער אגענטור צום צוועק פון דעקן דעם בודזשעט".

די טאט זאך, — זאגט דר. ארלאזאראוו — וואס דאמאלט, פאר די אויגוסט אומרוען, פאר דעם ווייסן פאפיר און פאר דעם קראך אויף דעם אמעריקאנער בערזשע, האט מען ניט באטראכט די גרינדונג פון דער אידישער אגענטור אלס א געלעגנהייט ענדלאך צו שאפן א פאסנדן גרויסן און גענינענדן פינאנץ־אינסטרומענט, נאר מען איז נאכגעגאנגען די אלטע ציוניסטישע רוטין, איז פיליכט דער געפערלאכסטער סימפטאם ווי באהערשט די באוועגונג איז געווארן מיט דער טרויעריקער נייגונג צו גיין אויף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאנד.

צו וואס דאס האט אונז געפירט קאן מען אמבעסטן אילוסטרירן מיט די פאלגנדע דריי דערשיינונגען:

ערשטנס: שוין פינף יאר האלטן מיר אין איין קאנסאלידירן אונזערע קאלאניעס און זיי זיינען נאך אלץ ניט קאנסאלידירט, און דערווייל קאן מען אפילו ניט טראכטן פון זייער קאלאניזאציע.

צווייטנס: אין די לעצטע פינף יאר זיינען אן ערך פון 13 טויזנט חלוצים (סערטיפיקאט־איינוואנדערער) אריינגעקומען אין לאנד. אן ערך פון 90 פראצענט פון זיי האבן באשעפטיקונג געפונען אין די שטעט און אין די פריוואטע קאלאניעס.

עס איז וואס אמת דערפרייענד צו זעען די אבזערווירונגס קראפט פון די פריוואטע אונטערנעמונגען. עס איז אבער אייגנצייטיק אויך טרויעריק צו זעען ווי דער נאציאנאל קאפיטאל הויבט אן שפילן א פארשווינדענע קליינע ראל אין דער פארווארצלונג פון די איינוואנדערער.

דריטנס: נאך גרויס מי און מאטערניש און פראטעסטן האט מען 1500 סערטיפיקאטן באקומען און ניט געקאנט זיי ווי געהעריג אויסנוצן.

און דאס איז ניט קיין סוד, דער רעגירונג איינוואנדערונגס דעפארטמענט ווייסט עס, דער הייקאמישאנער ווייסט עס, — דער מופטי, די אראבישע עקזעקוטיווע און יעדער חלוץ, ווייסען עס.

דר. ארלאזאראוו פארשטייט, דאס ניט אייביק וועט עס בלייבן אזוי שלעכט ווי היינט. די צייטן וועלן זיך מסתמא פארבעסערן. ער ווייסט אבער פונקט אזוי גוט ווי דר. האנטקע, אז עס איז דא א גרעניץ וויפל מ'קאן דערגרייכן ניט נאר פון פרייע ביישטייערונגען נאר אפילו פון רעגירונגס־אפצאלונגען.

דער מאקסימום וואס קאן אמאל דערגרייכט ווערן פון אונזערע ביידע פאנדן שאצט ער אפ אין א מיליאן פונט א יאר. אבער דער נויטיקער מינימום איז איבער דריי מיליאן פונט.

ער שלאגט דאריבער קודם כל פאר פראיעקטן ווי אזוי צו מאכן אונזערע פאנדן מער פראדוקטיוו. אבער ניט דא, פארשטייט ער, ליגט דער ענטפער צו דער אנגעווייטאגטער פראגע.

ער ווייזט אויך אן אויף דער נויטיקייט צו באשרענקען דאס ארבעטס־געביט פון דעם נאציאנאלן קאפיטאל. ווען מען וועט פארשטיין, אז דער נאציאנאלער קאפיטאל איז ניט מחוייב און ווערט ניט דערווארטעט צו טאן הכל בכל מכל כל, נאר דאס ער האט באשטימטע און באשרענקטע ארבעטס געביטן, דאן וועט ניט זיין קיין יסוד צו אנטוישונגען און פארצווייפלונגען און ערשט דאמאלסט ווען די פאנדן וועלן באווייזן זייער אבסאלוטע נוצלאכקייט און זייערע באשטימטע ארבעטס פעלדער וועט אויך זייער הכנסה ווערן זיכערער און גרעסער. דערווייל בלייבט אבער אלץ ווייטער די אלטע קשיא:

— וואס טוט מען, אז דער נאציאנאלער קאפיטאל קאן אלץ ניט מער זיין ווי 20-25 פראצענט פון דער סומע וואס איז נויטיק אום אריינצוברענגען 20 טויזנט מענשן א יאר?

און דא קומט ער צו דער פראגע פון מאביליזירן דעם פריוואטן קאפיטאל.

ער ווייזט אן דאס דער פריוואטער קאפיטאל האט אין די לעצטע צען יאר א גרויסע, זאגאר איבערראשנד־גרויסע קראפט באוויזן.

אין דער פריוואטער ווירטשאפט (אינדוסטריע און פלאנצונגען) זיינען באשעפטיקט אן ערך פון דריי פערטל פון אלע אידישע ארבעטער אין לאנד.

ער לאזט זיך דא אריין אין א לאנגע דיסקוסיע איבער דעם פלאן וועגן אן אמעריקאנער "באָרד אָוו עקאנאמיק דעוועלאפמענט".

ווי באקאנט ווילן די אמעריקאנער חברים דאס די ציוניסטישע ארגאניזאציע זאל העלפן ארגאניזירן און קאארדינירן פריוואטע אונטערנעמונגען, זאל צושטעלן אינפארמאציע און בכלל העלפן מיט אלע מעגלאכקייטן אבער בלייבן אן אויסערלאכער פאקטאר און ניט אליין איבערנעמען דעם קאנטראל.

דר. ארלאזאראוו האלט אבער דאס די ארגאניזאציע מוז האבן דעם קאנטראל, ווי זי האט קאנטראל איבער די חברה להשכרת היישוב, די באנקן, דעם קרן היסוד און נאציאנאלפאנד, הגם זיי זיינען לעגאל באזונדערע קערפערשאפטען.

ער שטעלט זיך ווייטער אפ אויף דעם אינטערעסאנטן פאקט דאס אויב מען וויל פארשטיין וואס איינטלאך מען מיינט ווען מען רעדט פריוואט־ווירטשאפט, דאן אין 99 פראצענט פון 100 וועט די דערקלערונג זיין קרעדיט. און דא לאזט ער זיך אריין אין א גענויער אפהאנדלונג איבער דער קרעדיט לאגע אין שטאט און אויפן לאנד, פאר הייזער און פלאנצונגען אויף קורצע און לאנגע טערמינען.

ער בארירט די פראגע פון אן הלואה. ער ווייזט אן דאס פון אן אינערלאכער נאציאנאלער הלואה קאן מען איצט ניט ריידן. אבער ער באהאנדלט באריכות די פראגע פון אן אויסערלאכער אינטערנאציאנאלער הלואה. ער גלויבט דאס מיר זיינען בארעכטיקט צו פאדערן דאס די פאלעסטינער רעגירונג אדער זאגאר דער פעלקער־בונד זאל אזא הלואה גאראנטירן און ער דערציילט וועגן אונטערהאנדלונגען וואס זיינען שוין א מאל אין דער דאזיקער ריכטונג געפירט געווארן.

דאס אלץ דא איבערצוגעבן אפילו אין א קיצור איז אוממעגלאך. אבער עס איז קלאר דאס אין די הויפט פונקטען איז ארלאזאראוו אזוי אויסגעשפראכן ווי די פארשטייער פון דער בראנדייס־מאק גרופע. דאס געשריי איז איצט אלל־ציוניסטיש: מיר מוזן מאביליזירן פריוואטן קאפיטאל, אום אונזער ארבעט אנצופירן מיט דעם געהעריקן טעמפ. מען קאן ניט די גאנצע שווערע משא ארויפלייגן אויף די מאגערע פלייצעס פון די נאציאנאלע פאנדן.

אין איין פונקט אבער האב איך מיר מיין אייגענעם וועג. און אזוי ווי אין בית המדרש בלא חידוש בין איך אין איין געביט יא אריגינעל, און דאס איז מיין פאדערונג פאר אן אקציון פאלקס־ציוניזם.

דר. ארלאזאראוו טראכט נאר ווי אזוי מען זאל אריינברענגען אידן נאך ארץ־ישראל.

ער קאן נאר די וואס האבן ניט קיין מיטלען. און ער טראכט ווי אזוי קאנען מיר ציוניסטן באקומען די נויטיקע מיטלען די דאזיקע מענשן אריינצוברייננען.

מיין אנשויאונג איז דאס אין דעם איצטיקן מאמענט איז נאר דא איין אויסוועג — מיר מוזן זעען דאס מען זאל אידן ניט אריינברייננגען אין ארץ־ישראל נאר דאס זיי זאלן גיין נאך ארץ־ישראל.

קיין אינערלאכע הלואה קאן מען איצט ניט באקומען און אן אינטערנאציאנאלע הלואה איז א מזמור שיר לעתיד לבא, וואס מיר דארפן דאריבער איז, — אז דאס פאלק וואס האט נאך געלט אין קלענערע און גרעסערע סומען זאל אנהויבן גיין נאך ארץ־ישראל און אהין זייער געלט מיטברייינגען אדער פאר זיך גאנץ אדער טיילווייז אנהויבן פאראויסצושיקן.

דערצו מוזן מיר שאפן די שטימונג און דערצו מוזן מיר שאפן די אינסטרומענטן.

איך וויל מאביליזירן דעם פריוואטן קאפיטאל, אבער ניט ווי דער אמעריקאנער פלאן איז, וואס באטראכט הויפטזאכלאך צו באקומען אינוועסטמענטס פון אידן וואס וועלן אליין בלייבן אין אמעריקע. איך גלויב ניט שטארק דערינען.

דר. ארלאזאראוו קאן די ארבעטער, מר. ברוידע קאן דעם מיטל־קלאס, איך קאן דאס אידישע פאלק. און איך וויל צום אידישן פאלק ניט זאגן תן לי הרכוש, והנפש קח לך. נאר איך זאג צו אים: תן לי הנפש והרכוש.

(שלום)

בריוו פון ניו-יארק

(ספעצ. פאר "דאס אידישע ווארט")
פון ב. וואלינער

די אידישע נויט וואקסט. — ניטא די אמאליקע יארן פון ווארפן זיך מיט געלט. — די שפאלטונג אין די ציוניסטישע רייען. — שמוגל פון אימיגראנטן און אימיגראציאנס באאמטע.

די צאל אידישע פאמיליעס אין אמעריקע וועלכע האבן זיך געווענדעט נאך שטיצע צו פארשיידענע הילפס אנשטאלטן איז פאר די לעצטע זעקס מאנאטן אויסגעוואקסן אויף גאנצע 43 פראצענט.

דאס איז דער באריכט וואס דינט ווי א סך הכל צו דער אידישער נויט אין אמעריקע פאר דעם פארגאנגענעם יאר.

ניט אין איירָאפע און אויך ניט אין פאלעסטינע האט מען איצט א באגריף וועגן דער וואקסנדער אידיש'ר נויט אין אמעריקע. מען געדיינקט נאך אין די דאזיקע לענדער די צייטן ווען דאלארן פלעגן פליען פון אמעריקע, און מען קאן זיך גארניט פארשטעלן אז די זעלבע קרובים וואס האבן מיט איניקע יאר צוריק געשיקט געלט קיין איירָאפע מיט א פרייער האנט, זאלן איצט אליין מוזן אנקומען נאך צדקה.

נאטירלאך קאן די אידישע נויט אין אמעריקע ניט פארגליכן ווערן מיט דער אידישער נויט אין פוילן און אפילו ניט מיט דער אידישער נויט אין דייטשלאנד. דער באריכט וועגן דער וואקסנדער צאל נויטליידנדע אידישע פאמיליעס אין די פאראייניקטע שטאטען איז אבער א טרויעריקער עדות וואס ציינגט אז די לאגע פון דעם אמעריקאנער אידנטום גייט פון שלעכט צו ערגער און ניט פון שלעכט צו בעסער.

עס איז א מערקווירדיקע זאך: אין די יארן פון פראספעריטי ווען אידן אין אמעריקע האבן געגעבן געלט פאר פאלעסטינע מיט דער פולער האנט איז די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אמעריקע געווען א שטארקע און א פאראייניקטע. איצט אבער, גראדע ווען די דאזיקע שטארקייט און אייניקייט איז נויטיק מער ווי אלע מאל און ווען דאס אמעריקאנער אידענטום איז ניט אימשטאנד צו געבן גרויסע סומען פאר דער ציוניסטישער באוועגונג, איז די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אמעריקע צעשפאלטן אין צוויי לאגערן.

די קאנווענשאן פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע וואס עפנט זיך דעם אכטן נאוועמבער אין אטלאנטיק סיטי וועט דארפן מאכן א סוף צו דער דאזיקער שפאלטונג וואס שטעלט אין קאן די גאנצע ציוניסטישע באוועגונג אין אמעריקע.

די לאגע אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין אלגעמיין איז איצט אזא אז יעדער מינדסטער סכסוך קאן בלויז אפשוואכן די אזוי אויך שוואכע פאזיציעס פון דעם ציוניזם. דער קאמף צווישן ליפסקי'ן און דער איצטיקער פירערשאפט פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע קאן פירן בלויז דערצו אז אידן וועלן האבן א גוטן תירוץ ניט צו געבן קיין ביישטייערונגען פאר דער ציוניסטישער באוועגונג.

אמעריקע איז ביז מיט איניקע יאר צוריק געווען דער גרונד־שטיין פאר דער גאנצער ציוניסטישער ארבעט. אויף די געלדער וואס פלעגן קומען פון אמעריקע האט מען אויפגעבויט אין פאלעסטינע אט יענע דערגרייכונגען מיט וועלכע מען קאן זיך בארימען ביז היינט צו טאג. איצט איז אמעריקע א יורד. קיין סך געלט פון אמעריקא קאן פאלעסטינע איצט סיי ווי ניט דערווארטן. ניט קיין געלט און דערצו נאך א שפאלטונג. וואס פאר א ראל קאן דער אמעריקאנער ציוניזם דאן שפילן אונטער אזעלכע אומשטענדן?

* * *

בענדזשאמין דעי דער אימיגראציאנס קאמישאנער פון ניו־יארק וואס האט א היבשן חלק אין די צרות וואס די אידישע אימיגראנטן האבן געהאט אויסצושטיין אויף עלים איילאנד האט היינטיקע וואך רעזיגנירט פון זיין אמט.

מיט איניקע טעג פריער איידער ער האט פארעפנטלאכט זיין רעזיגנאציע האט מען אין וואשינגטאן א היבש ביסל גערעדט אין די קולוארן פון דעם לייבאר דעפארטמענט אז ניט אלעס איז אין ארדענונג אין דער אימיגראציאנס ארבעט אין ניו־יארק. מען האט אנגעוויזן אויף די ארגאניזירטע געהיימע קרעפטן וואס עקזיסטירן צווישן די אימיגראנטן שמוגלער און מען האט אפט גערעדט דערפון אז ניט איין אימיגראציאנס באאמטער איז פארבונדן מיט די דאזיקע שמוגלער.

די דאזיקע רייד זיינען באשטעטיקט געווארן טיילווייז היינטיקע וואך ווען מיט אמאל זיינען פארשוואונדן געווארן פון די אימיגראציאנס ארכיוון אין ניו־יארק געוויסע דאקומענטן וואס האבן א שייכות צו אימיגראנטן וועלכע זיינען אומלעגאל ארייגעשמוגלט געווארן קיין אמעריקע. ענלאכע דאקומענטן זיינען אויך פארשוואונדן געווארן פון דעם נאטורראליזאציאנס דעפארטמענט אין וועלכן מען גיט ארוים אמעריקאנער בירגער פאפירן.

די רעזיגנאציע פון בענדזשאמין דעי איז דערפאר ניט געווען קיין אומדערווארטעטע זאך. בענדזשאמין דעי איז נישט דער ערשטער און אויך ניט דער לעצטער וואס געזעגנט זיך איצט מיט דער אימיגראציאנס ארבעט. א היבשע צאל אימיגראציאנס באאמטע וועלן אים איצט נאכפאלגן. זיי וועלן זיך מוזן געזעגענען מיט זייערע שטעלעס אויף וועלכע זיי זיצן שוין יארן און יארן.

די רייניקונג פון דעם אימיגראציאנס דעפארטמענט וואלט די ווערט געהאט באגריסט צו ווערן ווען זי זאל געווען פארקומען מיט איניקע יאר צוריק ווען די איינוואנדערונג קיין אמעריקע איז געגאנגען אין פולן שטראם. איצט אבער איז די איינוואנדערונג קיין אמעריקע כמעט ווי א טויטע זאך. די צאל אויסגעוואנדערטע פון אמעריקע איז איצט כמעט גרעסער ווי די צאל פון די אימיגראנטן וואס וואנדערן אריין. דער סטייט דעפארטמענט אין וואשינגטאן האט זיך דערפאר ארומגעקוקט אויף זיינע אימיגראציאנס באאמטע א היבש ביסל צו שפעט.

* * *

די צאל מענשן וואס פארלאזן אמעריקע ווערט איצט פון טאג צו טאג גרעסער. דערפאר אבער ווערט די צאל מענשן וואס ווילן קומען קיין אמעריקע פון טאג צו טאג קלענער.

מיט הונדערט און פופציק טויזנט אימיגראנטן ווייניקער ווי די געוויינלאכע נארמע, האט זיך די אימיגראציאנס קוואטע געשלאסן היינטיקן יאר. קארגע הונדערט און פופציק טויזנט אימיגראנטן האבן נאך געקאנט אריינקומען קיין אמעריקע אין פארלויף פון דעם יאר און דאך זיינען זיי ניט געקומען.

שולדיק אין דעם זיינען נאטירלאך די גרויסע שוועריקייטן וואס די אמעריקאנער קאנסולן אין איירָאפע מאכן פאר יענע וואס ווילן פארן קיין אמעריקע. אבער אין א געוויסער מאס איז אויך נישט קיין סוד אז מענשן אין איירָאפע האבן איצט בכלל פארלארן זייער חשק צו פארן קיין אמעריקע.

אמעריקע איז געווארן אוים מיוחס אין איירָאפע. אוים גאלדן לאנד. מען רייסט זיך נישט מער צו אימיגרירן קיין אמעריקע ווייל מען ווייס אז קיין גרויס גליקן זיינען איצט אין אמעריקע ניטא. אויב עס איז שוין געקומען דערצו אז אין ניו־יארק און אין אנדערע שטעט פון אמעריקע בעטלט מען נדבות אפן אין די גאסן, טא מיט וואס איז אמעריקע בעסער פון איירָאפע?

* * *

די שלעכטע צייטן אין אמעריקע קאנען אויסגעבניצט ווערן אויף בעסערע צייטן אין פאלעסטינע איז די מיינונג וואס עקזיסטירט איצט צווישן לאנד־עקספערטן וועלכע זיינען באקאנט מיט דעם צושטאנד פון די אראנזש פלאנטאציעס אין פאלעסטינע.

עס איז די מיינונג פון די דאזיקע עקספערטן אז אידן וועלכע האבן פארלארן זייער געלט אויף דער אמעריקאנער בירזשע און וועלכע זיינען איצט ארימע לייט אין אמעריקע קאנען זיך איינארדענען אמבעסטן אין פאלעסטינע מיט א סומע פון פינף טויזנט דאלאר.

פינף טויזנט דאלאר איז א גאנץ גרויסע סומע פאר אן איירָאפעאישן אידן. זי איז אבער ניט אזא גרויסע סומע פאר יענע אידן אין אמעריקע וואס האבן פארמאגט ביז איצט צענדליקער טויזנטער דאלאר און וועלכע האבן זייער פארמעגן פארלארן אין פארשיידענע ספעקולאציעס אויף וואל סטריט. אזעלכע אידן קאנען נאך ווי עס איז קריגן פאר זיך פינף טויזענט דאלאר אין אמעריקע, אויב זיי וועלן וויסן אז די דאזיקע סומע וועט זיי גאראנטירן א נארמאלן לעבן.

אין אמעריקע איז פינף טויזנט דאלאר א סומע מיט וועלכער מען קאן גארניט טאן. אין פאלעסטינע אבער קאן מען מיט אזא סומע געלט קויפן אן אראנזש פלאנטאציע וואס זאל געבן גענוג פראפיטן צו מאכן אן אנשטענדיקן לעבן א גאנץ קיילאכדיקן יאר.

דר. עקיבא עטינגער, דער באוואוסטער אגריקולטור עקספערט אין פאלעסטינע, איז דערפאר איצט געקומען קיין אמעריקע מיט דער מיסיע צו פראפאגאנדירן דעם געדאנק אז אידן מיט א קליינעם קאפיטאל זאלן זיך פארשאפן אין פאלעסטינע אראנזש פלאנטאציעס און זיך פארזיכערן אן איינקונפט אויף זייער גאנצן לעבן.

די אראנזש פלאנטאציעס זיינען היינט צו טאג די בעסטע אונטערנעמונגען אין פאלעסטינע. דער עקספארט פון פאלעסטינער אראנזשן קיין אויסלאנד וואקסט און אנטוויקלט זיך פון מאנאט צו מאנאט. די פאלעסטינער אראנזשן זיינען איצט די בעסטע אויף דעם איירָאפעאישן פרוכט מארק. זיי ווערן פארקויפט אין ענגלאנד און אין דייטשלאנד, אין פראנקרייך און אין פוילן. אין פאלעסטינע גופא רייסט זיך יעדער איינער צו קויפן אן אראנזש פלאנטאציע פון אמווייניקסטען צען דונאם לאנד. אין אמעריקע וועט אין גיכן אויך ווארשיינלאך ווערען א "בום" אויף פאלעסטינער אראנזשן פלאנטאציעס. די מיסיע פון דר. עטינגער אין אמעריקע איז דערפאר אין דעם איצטיקן מאמענט גראדע א גוזיכערטער דערפאלג.

("איטא")

צו דער אידישער עפנטלאכקייט

העלפט בויען דעם גרויסן בנין פון דער אידישער קולטור און וויסנשאפט!

דעם 25טן אקטאבער, 1929, בשעת דער ערשטער קאנפערענץ פון אידישן וויסנשאפטלאכן אינסטיטוט, איז געלייגט געווארן דער גרונדשטיין פון דעם אייגענעם בנין פאר דעם דאזיקן אלוועלטלאכן צענטער פון דער אידישער קולטור און וויסנשאפט. א טיפע באגייסטערונג האט דער דאזיקער אויפבוי־אקט ארויסגערופן אין דער גאנצער אידישער וועלט, ביי אלע פריינט פון דער אידישער קולטור. און די דאזיקע באגייסטערונג האט אויפגעטאן גרויסע זאכן: ניט געקוקט אויף דעם שווערן ווירטשאפטלאכן קריזיס אין אלע לענדער פון אידישן ישוב, איז אין ווילנע, אויף דעם געראמען פלאץ פון ייווא, וויוואולסקי־גאס 18, אויפגעשטעלט געווארן דאס הויז פון דער אידישער וויסנשאפט, אן אייגענע היים פאר דער צענטראלע פון דער אידישער קולטור, א פייער־זיכערער אוצר פאר די אידישע שאפונגען אין אלע לענדער און אלע צייטן.

דער בנין פון אינסטיטוט איז אויפגעשטעלט, אבער נאך ניט אינגאנצן פארענדיקט. עס איז אויסגעבויט דער פייער־זיכערער מאגאזין פאר די זאמלונגען פון ייווא; עס זיינען פארטיק די ווענט און דער דאך פון דער געבוידע פון דרויסן און אינווייניק; דילן זיינען דורכגעלייגט אין אלע צימערן, טרעפ זיינען דורכגעפירט, צענטראלע הייצונג איינגעשטעלט, די פענסטער באגלאזט. עס איז אבער נאך פארבליבן דורכצופירן וואסער און קאנאליזאציע, פארענדיקן די עלעקטרישע אינסטאלאציע, די שמיד־ארבעט און די אינווייניקסטע איינארדענונג אין די זאלן און ארבעטס־צימערן. אלץ קאן ווערן פארטיק אין א חודש צייט, ווען עס זאלן זיין די געהעריקע מיטלען.

עס איז שטארק ענג אין דער געדונגענער דירה פון אינסטיטוט! ניטא קיין פלאץ פאר די ווערטפולע אוצרות פון דעם אידישן לעבן און שאפן, וואס שטראמען אריין אין ייווא פון אלע עקן וועלט איבערגעפאקט איז דאס ביבליאטעק צימער, פארלייגט די ארכיוון, ניט אויסגעשטעלט די מוזייען, ניטא וואו א קער צו טאן זיך אין די ארבעטס־צימערן. דער אומגעשטערטער וואוקס פון אלע צווייגן פון ייווא קאן שוין מער ניט געמאלט זיין מחוץ זיין אייגענעם, ספעציעל צוגעפאסטן בנין.

צו פארענדיקן דאס הויז פון דער אידישער וויסנשאפט און קולטור איז איצט א דרינגלאכע אויפגאבע, וואס טאר לענגער ניט אפגעליינגט ווערן.

די צייט איז שווער און ביטער, די אידישע מאסן און זייער אינטעליגענץ ראנגלען זיך שווער פארן קיום. אבער דוקא אין אזא קריטישער צייט מוזן מיר אנשטרענגען אלע אונזערע כחות אויפצוהאלטן דאס דערגרייכטע.

דער אידישער וויסנשאפטלאכער אינסטיטוט איז א ווינקל־שטיין אין דעם קולטורעלן־געבוי פון אונזער פאלק. דער בנין פון ייווא איז דער ווינקל־שטיין פון אינסטיטוט; מיר מוזן אים פארענדיקן!

מיר ווענדן זיך צו אלע פריינט פון דעם אידישן וויסנשאפטלאכן אינסטיטוט, צו די אידישע פאלקס־מאסן איבער גאר דער וועלט:

— לייגט צו א האנט צו פארענדיקן דאס הויז פון דער אידישער וויסנשאפט און קולטור! קויפט אוים די אקארשט ארויסגעלאזטע מארקעס פון דעם בוי־פאנד פון אינסטיטוט! מיר ווענדן זיך צו איטלאכן פאלקסמענש:

(שלום אויף זייט דריי)